# רחל אויערבאַך / פּראַדל שטאָק.



ערגעץ ביים סאַמע ראַנד גאַליצישן פּאָדאָליע, אַ פּאָר מייל פון קאַמענעץ פּאָדאָלסק אויף „יענער זייט" און פון שטאָט טשאָרטקאָוו אויף „דער זייט", געפינט זיך דאָס קליינע גרענעץ-שטעטל סקאַלע. און צוריק מיט פופצן, צוואַנציק יאָר האָבן די קינדער פון יענער געגנט געוווסט: אין סקאַלע שטייט דער פּלויט פון דער וועלט — פון דער שוואַרץ-געלער קייזער-קעניגלעכער עסטרייכישער וועלט. די סקאַלער יידן האָבן אָבער געוווסט עפּעס אַנדערש. פאַר זיי איז „יענע זייט" אויך געווען אַ זייט. יידן פּעקלמאַכערס האָבן געשוואַרצט סחורה פון דאַנען אַהין און רוסישע יידן אין קאַצקעטן — דעזערטערן, גזירה-אַנטלויפערס — פלעגן גנבענען די גרענעץ פון דאָרט אַהער. זענען טאַקע די סקאַלער יידן געווען אַנדערע. גערעדט מיט דער „ריש" און ווייך געמאַכט אַלע „נונען" אין זייער לשון. פלעגן זיך די אַזעראַנער יידן שכנים, וואָס זענען ווידער געווען גרויסע סוחרים און אַרומפאָרערס און האָבן גערעדט „בראַיט", נאָכקרומען די סקאַלער, הלמאי זיי נוצן „הציון", באַקן „לעיקעך" און האַנדלען מיט „עיר". מען האָט געהאַלטן די סקאַלער יידן פאַר האַלבע פּאָניעס.

און אַנדערש פון אַנדערע זענען ביז היינט די יידן פון יענעם גאַנצן ווינקל אַרום סקאַלע, אין יעדן שטעטל און אין יעדן דאָרף האָט מען דאָרט יידן רעדן מיט אַן אַנדערן נוסח און זינגען זמירות לויט אַנדערע ניגונים. ווייל וווּ ביק אייגענע רבישע „צענטערן" האָט ביז דער מלחמה פאַרמאָגט יענער ווינקל? הוסיאַטין טשאָרטקעוו, קאָפּיטשינעץ און היינט ווישניצע און היינט סאַדיגער... און אינערגעץ אין גאַליציע טרעפט מען נישט אַזויפיל רויטע און געלע יידן ווי דאָרט. רויט אָדער געל און האָרטקנאָכיק און קורצפיסיק און מיט האַרטע, פאַרעוואַטע הויטן. און נישט איין בהמה-סוחר האָט דאָרט אַ „פּנים פון אַן אייביאָריקער טעליצע"...

און פון יענעם שטעטל, פון יענער געגנט, קומט אַרויס פּראַדל שטאָק. אַט יענע יידן מיט דעם ווייניק באַקאַנטן שטייגער-לעבן זייערן האָבן אין פּראַדל שטאָק געפונען זייער דיכטערין.

בלויז אַ זיבעצען יאָר איז שטאָק אַלט געווען, ווען זי האָט פאַרלאָזט סקאַלע און אַריבערגעטראָגן זיך קיין אַמעריקע, נאָר זי וווינט ביז היינט. ווי אַזויפיל אַנדערע יידיש אַמעריקאַנישע שרייבער, האָט זי אָבער דעם עיקר שאַפונג-שטאָף אַרויסגעטראָגן

פון דער אַלטער היים. אזוי ארום האט א ווייניק באקאנט יידיש ווינקל, וואָס איז אחוץ איר און לעצטנס רעסלערן פון קאפיטשיניץ, אין דער יידישער ליטעראַטור נישט פארטרעטן, געפונען א תיקון אין אירע דערציילונגען.

אין אַ פאר יאָר נאָך איר אריבערקומען קיין אמעריקע, ארום יאָר 1910, האָט פראדל שטאק פארעפנטלעכט אירע ערשטע לידער. איינע פון די ערשטע אין דער יידישער דיכטונג באנוצט זי דערביי די סאָנעט פארם. די דאָזיקע לידער אירע, און דער עיקר איר ליבע-ליריק, זענען געשאפן פון אַ קאָמפּליצירטן געפיל ארויס. דאס וואָס זי גיט אין זיי מיט איר אינדיווידועלן ניואנס, איז אבער ס׳רוב אן אפקלאנג פון די פאעטישע שטימונגען, וואס זענען אין יענער צייט געווען מאדערן אין דער אייראפעישער ליטעראטור. די אמתע, די אָריגינעלע פראדל שטאָק געפינט מען ערשט אין איר פראָזע. אין אירע קורצע דערציילונגען, וואָס זי האט געדרוקט אין פארשי־דענע זשורנאלן און אויסגאבעס און ארויסגעגעבן צוזאמען אין יאר 1919 אין איין באנד „געזאמלטע דערציילונגען". אין דעם איינציקן ביכל אירן.

און דאן איז שטאק אנטשוויגן געווארן. מען הערט זי נישט. מען ווייסט גאָר־נישט וועגן איר. אן אינטערעסאנטע קלוגע שרייבערן, א ריימער, פיינער טאלאנט האט אויפגעבליצט און באלד פארשוונדן געוואָרן. צי זאל מען דאָס אנטשוויגן ווערן פו שטאָק אָנהענגען אן די שאפונג-באדינגונגען פון דער יידישער ליטעראטור בכלל, צי אפשר גאר אן די באדינגונגען, אין וועלכע עס קומט אויס צו ארבעטן שרייבנדיקע פרויען?

מיט דעם וואס זי האט שוין געגעבן, האט שטאק באוויזן אז זי פארמאגט אן אויג וואס זעט און אויך פיל מאס און נויטיקע רו כדי צו קאָנען ווייזן דאס בעזעענע. אז זי האט געהאט, אדער האט נאך אויך היינט, אנטוויקלונג-מעגלעכקייטן, איז ווייטער צו זען דערפון, וואס נישט אלע דערציילונגען אירע שטייען אויף דער־זעלבער הויך. נעבן קינסטלעריש אויסגעהאלטענע נאוועלן טרעפט מען אַנדערע וואס באפרידיקן נישט אין דערזעלבער מאָס דעם פאסטולאט פון קינסטלערישער אויספירונג און פסיכאָלאָגישער פארטיפונג. די דאָזיקע זאכן מוזן שטאמען פון א פריערער צייט און צייכנען דעם וועג פון פאָרשריט, וואס שטאק איז געגאנגען אזוי לאנג זי האט געשאפן און געארבעט.

איז וואסערע אינעווייניקסטע צי דרויסנדיקע מניעות האלטן זי אפ פון ווייטער־דיקן שאפן?

זאל זי אליין ענטפערן!

* * *

דער שטח שאפט...

דאָס איינציקע בוך פון פראדל שטאק איז אַ פראדוקט פון דער ווייטקייט; ווייטקייט פון צייט און שטח.

אינאיינעם מיט דער דערווייטערונג פון אַ שטיק אייגענעם צי פרעמדן לעבן קומט די לעגענדאריזאציע אדער אַנעקדאָטיזאציע פון דעם דאזיקן לעבן. די ווייטקייט פון צייט און ארט וואשט אויס דאס צופעליקע, שוועכט אוועק דאס צווייט-ראנגיקע פון די געשעענישן און איבערלעבונגען שיילט אויס דעם זינפולן צוזאמענהאנג פון אלע קליינע פאסירונגען און וועבט אליין אויס די קאמפאזיציע פון דער לעגענדע.

די ווייטקייט מאכט עס... יאָ — און קודם-כּל מאכט עס די ליבשאַפט, וואָס אין דיכטערס האַרצן און דעם דיכטערס ווידערשפּיל. בײַ פראָדל שטאָק זענען נאָך דערצו די יאָרן, וואָס זענען געבליבן פון הינטן, די פריע יוגנט-און קינדער-יאָרן, וואָס צו זייער ערשטן, פרישן קוק אין דער וועלט אַרײַן איז נישטאָ דאָס גלײַכן. ווער ווייסט — אפשר איז איר בּיכל טאַקע דערפאַר געבליבן דאָס איינציקע — דאָס „אינטימע זכרונות-בוך" אירס, ווי מלך ראַוויטש האָט עס אָנגערופן אין זײַנער אַ רעצענזיע. און איין אַזאַ בוך אין לעבן וואָלט אייגנטלעך באַדאַרפט קאָנען אָנשרײַבן יעדער, נאָכדעם ווי די צײַט האָט אויסגעפורעמט אין זײַן זכרון די יוגנט-לעגענדע פון אים אין זײַן סביבה.

אפשר טאַקע? — מיר וואָלטן דאָס געקאָנט אָננעמען, ווען שטאָקס בוך זאָל אויף אַן אמת זײַן בלויז פּערליטעראַרישטע לעבנס-געשיכטע. איז אָבער בײַ פראָדל שטאָק פאַראַן נאָך עפּעס:

דאָס רוב מענטשן בײַ איר, דאָס רוב העלדן פון איר אָפּעקדאַט ווערן דער-גאַנצט צו טיפּן. דאָס רוב פאַסירונגען און איבערלעבונגען זייערע קאָנען באַנומען ווערן אין זין פון אַ פאַרוויקלעכטן לעבנס-געזעץ. און דאָס קאָן נאָר אַ דיכטער.

אַ שפע מענטשן-מינים, אַ שפע ייִדיש שטייגער-לעבן בײַ פראָדל שטאָק.

די כאַראַקטעריסטיק פון די דאָזיקע מענטשן איז לאַפּידאַר און אייגנאַרטיק צו דערציילבער צײַט. שטאָק האָט צו אירע מענטשן דיסטאַנס — זי ווײַזט נישט זיך אין אירע העלדן, זי ווײַזט טאַקע זיי.

עפּעס מיט אַזאַ נאַטירלעכקייט און באַשיידנקייט, אַ נישט פּראָפעסיאָנעל-ליטע-ראַרישער צעצאַקעטקייט מיט דער טעמע, פירט פראָדל שטאָק אַרויס אירע מענער און ווײַבער, מיידלעך און בחורים. און מיר דערזען זיי אין זייער רייכער פּילפאַכי-קייט — מיט די קליין-גרויסע חלומות אין זיי, מיט דעם גוט צוגעפּאַסטן, פיין געשניצטן רעמל אַרום זיי.

אַזוי האָט זי זיי געזען און אַזוי האָט זי זיי געוויזן. אין דער פּשטות פון זייער פּאַרטיקער לעבנס-חכמה, מיט זייער פּאַרטיקער אָפּשאַצונג פון יעדער זאַך; די פאָלקס-מענטשן אין קלאָרן מיין פון זייער-ע באַוונדערקייטן און אַנדערשקייטן, אין זייער גרויסער בולטקייט פון כאַראַקטער, וואָס ווערט פאַרווישט בײַם איבערגאַנג פון פאָלקסמענטש צום האַלב-אינטעליגענט, פון פּאַרצײַטיקן לעבן צום הײַנטיקן — פון קליינעם שטעטל צו דער גרויסער שטאָט. די דיכטערין האָט באַנומען יענע נאַטיקע ייִדן אין דער זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט פון זייער יעדן טון און רעדן, אין דער דײַטלעכקייט און פּאַרגאַנצטקייט פון זייערע פּרצופים און זיי האָבן זי צוגעצויגן. די גאַנצקייט און בולטקייט פון פּשוטן מענטשן און פון זײַן לעבן, וועלן תּמיד זײַן דער צוציענדיקער מאַגנעט פאַר יעדן אמתן קינסטלער און עס איז כּלל נישטאָ וואָס אַזוי זיך צו חידושן און [illegible]ודויערן וואָס נישט איין ייִדישער שרײַבער „קאָן נאָך אַלץ נישט אַוועק פון שטעטל".

די סקאַלער ייִדן בײַ זיך אינדערהיים — די גאַנצע און פעסטע אין זייער פרייד ווי אין זייער אומגליק — און אָט דיזעלבע אין „גאָלדענעם לאַנד" שוין צעחושטע, צע-ריסענע. די מענטשן זענען כּמעט אויטענטישע. די דיכטערין באַמיט זיך אפילו נישט צו ענדערן זיי די נעמען. און ווער ס'האָט אַמאָל געלעבט אין יענער געגנט, דערקענט די נעמען. אָט די אַלע ערענבערגס, קלינגערט א. א. וו.

אָט איז דער קליינשטעטלדיקער, פאַרצײַטיקער באָדל-קינסטלער משה שניידער

מיט זיין חלום פֿון סאַמעט און זיידנס — אויך אונזערע מאַמעס האָבן געניײט זייערע חתונה־קליידער ביי משה שניידער...

פּרויען־טיפּן...

די ליידנשאַפֿטלעכע הינדע, דער פֿיינער עראָטישער אויסוווּקס פֿון דער „יידי־שער שענקער־שטוב, וואָס וויל ביי די מענער אויסטרינקען די אויגן, אויסשמעקן דאָס בלוט פֿון די באַקן, אַרויסבאַגן מיט קוש די מעלאָדיע פֿון זייער פֿידלשפּיל. („מאַנדלען") די „שענהייט" לאַנצי מיט דעם ליכטיקן פּנים, וואָס דאָס שטעטל רעדט אויף איר, אַז זי וואַשט זיך יעדע נאַכט מיט בלומען־ראָסע פֿון גלח'ס גאָרטן; הערט אויף איר מאַן „איבערצושלאָגן די ריייד" (אַזאַ קאַטעגאָריע פֿון יידישן דרך־ארץ ביי שטאָק), וואָס אַזאַ ווייב האָט אים גענומען („הינדע גיטלס שנור").

אַ גאַנצע גאַלעריע יונגע מיידלעך אין דעם ערשטן דערוואַכן פֿון ווייבלעכער עראָטיק — „קראַנצן־פֿריילינגס", „כלה־מיידלעך" („קאָמעדיאַנטן", „וויין", „ביי דער מיל", „דער שליייער", „דער עריק־בישאָף"). און אָט איז אַ גאַלעריע איינזאַמע פֿרויען („שוועסטער", דער זיווג", „אַ שניט", „אָפּגעשניטענע האָר").

אַלע פֿרויען וואַרטן. וואַרטן אויף עפּעס... די גוטסבאַזיצערישע „פּאַננוצי־צע" לאָרע שפּאַצירט אין פֿריילינג־טעג איבערן גאָרטן „אין דאָרף" און פֿטרט איר גרייטע אָנגעשאַרפֿטע צערטלעכקייט אין בחונמדיקן נאָכקוקן די שלאַנקע רייטערס אויף די טראַקטן.

אָבער נישט נאָר די כלה־מיידלעך האָט פּראַדל שטאָק אַרייַנגעקוקט אין האַרץ אַריין. אָט פֿירט זי אונדז איבערן מאַרק דעם קאָמיש־באַהאַרצטן חתן־בחור נחמן, וואָס טאַפּט כסדר דאָס אָרט אויף זיין וועסטל, ווו ס'וועט באַלד הענגען דער גאָלדענער זייגער מיט דער קייט, וואָס אַ רייכער מחותן וועט אים אָנטון; שמעקט אַרויס דעם ריח פֿון דער „סחורה" פֿון די געוועלבן און זעט שוין אַבאַלד, אַבאַלד זיך אַליין האַנדלען מיט די „ראָזשינקעלעך און מאַנדלען" פֿון וויגליד. ביי אַ צווייטן חתן־בחור שלום, וואָס מאָרט אָנקוקן שוין די צוואַנציקסטע כלה, איז דאָס פּאָרן געוואָרן אַן ענין פֿאַר זיך — דאָס סאַמע ראָמאַנטישע שיפֿן זיך צו דער אויסגעחלומטער בת־מלכּה.

און נישט נאָר מאָרזעסטע מיידלעך ווייזט שטאָק. אָט זעען מיר דעם אַלטן בחור ליפּמאַן מיט די דריי שיינע מיידלעך אין האַרעם פֿון זיין „עמבראָידערי־שאָפּ" וואָס קאָן זיך נישט אָנטשליסן חתונה צו האָבן מיט קיין שום פֿון זיי, מחמת די... „סטאַטיסטיק" דערלאָזט אים נישט.

ערטערווייז גיט שטאָק אַ בליק אויף מיט קערנדיקער אָבער שטאַרק דיסקרעטער סאַטירע. אַ ייִד אַ פּראַצעבניק אַלטער האָט ביי איר אַ גרויסע דאגה אַראָפּגעמרך דעם שטאָט־זייגער פֿון דעם קלויסטער. וואָרום ווען נישט דער דאָזיקער זייגער, וואָלט ער דאָך נאָך דער טשעקאַלאַדע אינדערפֿרי נישט געמוזט וואַרטן אַזוי לאַנג, אַזש ביז ס'וועט ווערן אויפֿן זייגער צוועלף, ער זאָל צוריק הונגעריק ווערן און קאָנען עסן דאָס „געבראַטנס". („דער עריק־בישאָף".)

מיט אַ גוטמוטיקן פֿיינעם הומאָר און אַ ליכטיקער ליבעפֿולער איראָניע איז בכלל באַשיינט יעדעס בלעטל פֿון פּראַדל שטאָקס ביכל. ערגעץ פֿילט מען פֿסדר צע־ווישן די שורות דעם ליטערן, קלוגן שמייכל פֿון דער דערציילערין.

פּראַדל שטאָק קוועלט פּשוט אַן פֿון אירע פֿאַרשוינען.

— אַה! שטשעזנע — טוט זי זיך אַלעמאָל אַ קרום נאָך די סאַמע פֿרומסטע סקאַלער

יידן ווי זיי דרייען אַריין דעם גוישען אויסדרוק אין באַטעמטן געריידּ זייערן. מען פּילט בפירוש ווי איר אַליין „קומט צו אַ שטיק חיות" פֿון אט דעם פּאַרדריי.

אזא מאסע גאַליצישע היימאט אין סיוושעט, אין לשון...

אַ פּאַרטיע דיביע-קערלעך אין אַ שענק, פּלאַגערס, מאַמעס וואָס שאַנעווען צו די טעכטער מיט אַן אויסגעריבן געלעכל, לאַשקעוויצער יריד, רייזנדע...

גוים און יידן, פֿרעמדע און ווייטע פֿון אַנאַנדער. דאָס שטעטל איז ווי אַ באַזונדערע מדינה. דער וועג אין דאָרף אַריין, דאָס סומנע פֿעלד-לידל פֿון אַ שייגעץ וואָרפֿט אַן אימה, אַן אומהיימלעכקייט און אומהיימישקייט אויף די יידישע שטאָט קינדער. יעדער גוי איז אַ גנב — ווייסן זיי. אָבער דער לא יצלח, דער שלימזל שלום האָט אויף דעם גוי רחמנות. ער קאָן נישט אָפּטון דעם גוי קיין „איינקלוז", ער פּאַשפּאַטעט זיך איינמיטן ציילן, ווען ער וויל מאַכן אַ גוי אַ פֿאַלשן חשבון. דאָס האַרץ דערלאָזט אים נישט, ווייל:

„דעם גוי האָבן די הענט געציטערט... וואָס ער גיט זיין סחורה, זיין בלוטשוועק, פֿאַר אַ האַרטן דרייער. פֿינף און דרייסיק גרייצער פֿאַר אַ גאַנצן זאַק באַרבאַליס, וואָס יעדע באַרבאַלי האָט ער אַליין געזייעט, אין דער ערד אַריינגעלעגט מיט זיין מי, מיט זיינע איינגעבויגענע פּלייצעס. יעדן טאָג האָט ער זיך געצלמט, פֿאַר יעדן „באָך" אַראָפּגענומען דאָס היטל, אַז גאָט זאָל געבן רעגן, און אַלע טאָג איז ער איבערגעגאַנגען די שורות באַרבאַליס מיט די אויגן, און אַט וואַקסט אַ בלעטעלע צרויס, און אַט וואַקסן שוין צוויי. און דערנאָך יעדעס באַרבאַלקעלע עקסטראַ אויסגעגראָבן מיט די אייגענע הענט און געלעגט אין זאַק, פֿינף און דרייסיק גרייצער אַ זאַק, און איצט זאָל ער מאַכן מיטן איינקלוז..." („אין מאַרק").

פֿאַרחלומט און צעשמייכלט, פֿאַרווינט און באַשיינט שטייט אויף דאָס לאַנגסטקע, דאָס ערשט בענקטיקע לעבן פֿון דעם גאַליצישן שטעטל. און אַט נעמען זיך שוין אויך באַווייזן די ערשטע ריצן אין אַלטגעזעסענעם פֿעסטן בנין פֿון דעם דאָזיקן לעבן.

די ערשטע „דייטשן" אין שטאָט, די ערשטע „ציוניסטן". די יוגנט נעמט זיך רייסן אין דער וועלט אַריין, יידן נעמען פֿאָרן קיין אַמעריקע. אויך דער ערשטער אַנזאָג פֿון אונטערגאַנג לאָזט זיך הערן אין דעם דערווייל נאָך אַזוי רויקן און אידיליִשן ריטם פֿון שטאָקס בענקטיקן שטעטל. און אַט איז אויך „די ערשטע באַן" שוין דאָ און פֿון איר וועט באַלד נעמען ווערן אַ תל. עס טאַפּיעט זיך נאָך נישט, נאָר עס האָט שוין אָנגעהויבן שוואַרץ ווערן דער לאַנג געלעגענער שניי.

און צווישן נעכטן און היינט, מיט בלייכער גויט געאָרעמט, שפּאַנט אום איבערן יידישן שטעטל די וווּנדער-מעשה פֿון באַגליקט ווערן — די גוזמהדיקע, אַנוואָרצלדיקע שלינג-בלום פֿון דער יידישער פּסיכיק, וואָס שפּראָצט און בליט אויף אין די פֿאַרשיידנסטע נשמה-פֿאַרמירונגען פֿון דער יידישער מאַסע.

ס'איז דען אַ נפקא-מינה ווי אַזוי דער משיח הייסט? אָט הייסט ער ביי אַן אַלטן זייגערמאַכער אין ערצנבורגס אַ גאָוועלע — „שיפּסקאַרטע" און אַנטפּלעקט זיך טאַקע פֿאַר אים ווי די גאולה: אַ קאָזאַקישער פּאַגנעט אין האַרץ אַריין...

און פֿראַדל שטאָקס יידן שטייען איינמיטן מאַרק מיט פֿאַרלייגטע הענט און קוקן אַרויס מען זאָל... בויען אַ נייעם קלויסטער אין שטאָט. וועלן יידן פֿאַרדינען, וועט קומען אַ ישועה אויף יידן. אַ שפע און ברכה...

* * *

צווייי מאָטיוון וואָס מען קאָן נאכווייזן אין שטאקס דערציילונגען ווי די אפטסטע:

## בענקשאפט און אנטוישונג.

בענקשאפט צו עפעס א דערהויבונג. ביי פארשידענע מענטשן באקומט די דאָזיקע בענקשאפט פארשידענע נעמען.

שטענדיק און אומעטום איז פאראן דאס פרוכפערדיקע רווייים פון מענטשלעכן גארן און חלומען און נישט קאנען דערגרייכן דאָס געחלומטע. און אמאָל ווערט עס דווקא יא דערגרייכט. דאן איז עס אָבער ס׳רוב בלויז אזא גרויסע טרויעריקייט. ס׳שטעלט זיך דאן נישט איינמאָל ארויס, אז עס איז נישט דאָס, נישט דאָס, וואָס מען האט אזוי ליב געהאט אין בענקעניש און דאן אנטפלעקט זיך די צווייטע זייט פון חלום — די אנטוישונג.

די מענטשן מיט א חלום אין הארצן זענען ביי פראדל שטאק די עיקר-העלדן אירע. א שעמעוודיקן און חנפהדיקן אמאָל און אמאָל א חוצפהדיקן, א משונהדיקן, א האלבן שגעון — זיי טראגן דעם חלום אין זיך, ווי די בין איר האניק, צי ווי די בין איר שטעכעדיקן גיפט.

אלע מענטשן רייסן זיך צום ליכט.

חיים שוסטער וואס האט אוועקגעגעבן דעם זון אין גימנאזיע און אנגעהויבן אויף זיך קוקן ווי אויף „דעם סטודענטס טאטע״, דער מבין אויף ווייך מענדל קאפלס וואס זוכט אין וויין נישט די הנאה נאר דעם סוד. און אט אלע די פארציייטיקע קליינשטעטלדיקע מיידלעך מיט זייערע שעמעוודיקע שאטן-ליבעס צו קאָמעדיאנטן, גרעפישע זונדלעך, רעזוויזארן, רייזנדע צו... פרידריך שילער.

אלע לויערן, ווארטן, האפן, ווילן אוועק מיט דער „ערשטער באן״. און אפילו די קינדערלאזע חסידישע יידענע איטע מיט אירע השגות פון א שייטל אויף אינדער־וואכן און פארן אין א „ווארעמבאד״ גלייך מיט דער גבירנטע פון שטעטל — אפילו זי רייסט זיך ערגעץ ארויף, ארויס און איז ווערט אונזער מיטגעפיל. און ערשט דאס ביינעכיאריקע אלמנהלע שיינדל, וואס איר גרויס בענקעניש איז נישט מער ווי מען צוריק ארויסנעמען די צוריק אויפגעוואקסענע „אפגעשניטענע-האר״ איבערן שייטל.

ווייל גראד ווי דער געגנשטאנד פון דעם בענקען איז אזוי בישטיק און קליין, גראָד דארט קומט קלארער ארויס דער זין „פאר זיך״ פון בענקען און פארמאגן השגות און דאס ווערט דאן דאס געוויזענע, דערויף ווערט געשטעלט דער טראפ.

דער ברען פון מענטשלעכן הארצן באווערט זיך דאן, ווען ער שאפט זיך זיינע געמער און ליבשאפטן פון דעם ארעמסטן שטאָף. איז דער עיקר זיין כוח אנצוהאלטן זיך אין דער אלמעכטיקער פיקציע. אין דער אליין-שאפערישער אילוזיע.

און פראדל שטאקס מענטשן פארמאגן דעם כוח צו שפייזן זיך מיט אילוזיעס. אנגעוויזן זענען זיי דערויף בפרט אין נייעם גרויסשטעטישן לעבן.

אט ארבעטן די צוויי פארזעסענע „שוועסטער״ שוין אפשר דאס צוואנציקסטע יאר קראָוואטן אין דער שטאט ניו-יארק. עס איז נישט געקומען און ס׳וועט שוין קיינמאל נישט קומען, אויף וואס זיי ווארטן. און מען נייט זיך נאך אלץ יעדן סעזאן א נייעם „סיוט״ אויף ארייננצוהענגען אים אין שאפע צו די אנדערע. און אלץ געפוגט מען נאך גרייט אין זיך טאג נאך טאג דעם וואכן, וואָכעדיקן הערואיזם, כדי וויאזוי עס איז — מיט קליינע ריידעלעך, מיט קליינע פליאטקעלעך און פוסטע הא־

פּענונגען אויף דעם פאַרשמאַדערטן אַלמן פון „נעקסט דאָר" — צונויפּסטריגעווען פאַר זיך אַביסל אַרעמען נצחון אין לעבן.

ביי מענטשן, וואָס לעבן מיט פיקציעס מוז פון צייט צו צייט קומען אויסגיטערונג, אַנטוישונג. שטאַק ווייזט די אויסניכטערונג אין דעם קאַמף אַקעגן איר.

דער שטענדיקער חלום, פון דער סקאַלער יתומהלע בראַנצי וועגן לאַנד פון „ווייסע פּוטערלעך" אויף יענער זייט טייך, ווערט דער סימבאָל פון אַלע פּוסטע בענקענישן. דאָס מיידעלע אַנטלויפט צוריק אָן אַפּגעקילטע, ווי נאָר זי האָט צום ערשטן מאָל געשטעלט אַ פיס אין יענעם וווּנדערלאַנד.

און אַט זעענען די אַנדערע ריטער פון דער אילוזיע — די מענטשן שפּיל-באַלעמס אין שפּיל צווישן חלום און וואָר: דער שווערער בעל דברן קוני דער „מעגעגע" מיט זיין „רעדע" איינמאָל אין לעבן, מאיר-מעקס מיט זיין „טאַנץ" אויף דער היימישער חתונה אינמיטן ניו-יאָרק; ער צעפלאַקערט זיך מיט גרויס האַפענונג און גוטסקייט, פלייסט זיך אַנצוצינדן איעדן מיט זיין האַפערדיקייט און שמחה און ווערט דאַן אויסגעלייידיקט און איינגעשרומפּן ווי נאָר די וואָכעדיקע זאָרג גיט אים דעם ערשטן טאַרע מיט דעם פינגער פון דער געוויינטער מחשבה.

דער אַלטער בחור קאַפּל וויל נישט זען די קאָנטראַסטן צווישן חלום און וואָר; ער ווערט זיך קעגן זיי. דערפאַר לעבט ער אויף נאָר „אין דער נאַכט". טאַנצט מיט ווי נאָר אַ „לאַנדסמאַנישע" שמחה און האַלט מיט אַלע פוחות צוריק דעם קומענדיקן טאָג. און ווען דער באַגינען שיינט אַריין אין די פענסטער נאָך די אָפּגעהאַלטענע סעודות, לעשט ער זיך אויס צוזאַמען מיט די נאַכט-לאָמפּן.

אָבער די גרעסטע מייסטערין צו פאַרטיידיקן איר חלום ביז צום סוף, ווערט די זיידענע, [illegible]גישע עלצי פון קליינעם שטעטל. זי לאָזט אַליין נאָך פון דעם געחלומטן נחת. דער שילער-אידעאַל פון אַן אַמאָנט געמט ביי איר אָן נאָבאַנאַנד די געשטאַלט פון גראָפס זונדל אויף אַ פערד, פון קריסטלעכן סטודענט, פון אַ יידישן מאַטוריסט אויף אַ ביציקל... צום סאַמע סוף פאַרמאַכט זי די אויגן בשעת עס צערטלט זי דער איינענער מאַן, דער מגושמדיקער בהמה-סוחר. זי שעפּטשעט „פרידריך, פרידריך"... און זעט זיך נאָך אַליין מיטמאַכן אַ ראָמאַנטישע טרעגעדיע מיט דעם לעבעדיק געוואָרענעם בילד פון דיכטער אין אַ ביכל.

אַט די דאָזיקע עלצי, איז דאָ דערהויבן געוואָרן צום טרויעריקן טראַגיקאָמישן סימבאָל פון ווייבלעכער דאָן-קישאָטישקייט...

אַ פולע, ברייטע ווירקלעכקייט פון מענטשלעכן בענקען, פון מענטשלעכע טרערן, געלעכטער און גילדענער דערגרייכבקייט קלינגט אָפּ אין יעדער מעשה פון פראַדל שטאַק. אַ גאַנצע מחנה מענטשן שטייט אויף אין איר ביכל און דער סוד פון יעדן האַרץ איז דערזעלבער. אין יעדן מענטש וווינט דער חלום און ביי יעדן מענטש האָט ער זיין אייגענעם נאָמען — די בלוי-גילדענע בענקשאַפט אין דער רויט-גילדענער שגעון.

דער פּרינציפּ פון אַלע פּרינציפּן — די בענקשאַפט — איז אויך דער סוד פון דעם איינציקן ביכל פון פראַדל שטאַק. דאָס איז די בענקשאַפט „פאַר זיך" צום מענטש.